# איך דער טרובאַדור

איך דער טרובאַדור, דער ווינט און די הור,
מיר שטייען ביים טונקעלען נאַכט-לאַמטערן
און ווינקען מיט רויטע טיכלעך: אַדיע,
דו אונזער שלים-מזל, אונזער שטערן!
מיר גייען אויף תמיד אַוועק פון דאַנען,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער די בלומען וועלן פאַרוויאַנען.

איך דער טרובאַדור, דער ווינט און די הור,
מיר האָבן די שיינקייט אין קעלער געבוירן.
איצט שטייען מיר אַלע פאַרמאַטערט און מיד
פון אייגענעם גוף, פון די שטערן, דעם ליד
אַוועק צו די טונקעלע און שטילערע טויערן,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער דער האָבער איז צייטיק צום שניט.

און אפשר ווי שטילע און בלייבע איקאָנעס
אין ווייסע סעפּטעמבער-נעכט וועלן מיר שטיין
אין אייערע ווינקלען, נישט געזען און אַליין,
און מיט טרויעריקע פינגער קלאַפּן, דערמאָנען,
אַז אונזערע לעבנס האָבן פאַרבליט,

נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער דער האָבער איז צייטיק צום שניט.

און איר וועט דאָס שטילסטע וואָרט באַלד דערהערן
און זיצן פֿאַרשאָטנט, פֿאַרטראַכט, ווי נישט הי,
און איבער אייך וועלן צעברענען זיך שטערן
און פֿאַלן וועט איר מיט פֿאָרכט אויף די קני —
פֿאַר די, פֿאַר די, פֿאַר אַלע די,
וואָס זייערע לעבנס האָבן פֿאַרבליט,
נאָך איידער דער קאָרן איז צייטיק געוואָרן,
נאָך איידער דער האָבער איז צייטיק צום שניט.